# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 517

בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די סגולה פון קידוש לבנה

**"הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה" (יב ב)**

די סגולה און די גרויסע כח וואס די מצוה פון מקדש זיין די לבנה איז ברייט באקאנט. אין די קומענדיגע שורות וועלן אראפברענגען ערציילונגען און די גרויסקייט וואס צדיקים דערציילן איבער די מצוה.

די מקור פון די הייליגע מצוה איז א גמרא אין סנהדרין [מב. א] אז ווען מען זעט די לבנה בחידושה זאל מען מאכן אויף איר די ברכת לבנה.

אין ספר **אור חדש** פון רבי חיים בוכנער פון קראקא [ברכת 'קדוש השם'] ברענגט ער דארט אראפ א מעשה וואס ער האט געהאט פון דער בארימטער חסיד רבי משה מייזליש פון קראקא, ווי ער איז מעיד ביי די מעשה איז דער ר' משה א בר סמכא.

ער האט דערציילט אז עס איז געווען א איד וואס א גוי האט אים געטראפן און אים געוואלט אפרוימען פון וועג ה'. די מעשה איז געווען אנהייב חודש, ווען די לבנה איז געווען בחידושה. ווען דער איז האט דאס געהערט האט ער זיך איינגעבעטן ביי דעם גוי ער זאל אים לאזן מאכן קידוש לבנה, איידער ער גייט אים אומברענגען.

דער גוי האט אים נאכגעגעבן זיין ביטע און ערלויבט צו מאכן קידוש לבנה איידער ער גייט אים אומברענגען. מיט די גרעסטע מאס התלהבות האט דער איד זיך געשטעלט מאכן קידוש לבנה און נאך דעם ווען ער האט געענדיגט די ברכה, האט ער געזאגט די באקאנטע שטיקל פון "כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה און זיך אונטערגעהויבן און עס איז געשען א נס, אז פלוצלונג האט זיך זיין קערפער אויפגעהויבן פון די ערד און עס איז אוועקגעפלויגן פון דארט ווייט ווייט.

נאכ'ן ברענגען די מעשה פירט דער אור חדש אויס אז ווער עס וועט זוכה זיין מקדש צו זיין די לבנה, זאל וויסן אז פון די טאג וואס ער איז מקדש די לבנה, ביז סוף פון יענעם חודש, וועט ער נישט אוועק פון די וועלט. [די ווערטער ווערט אראפגעברענגט בשמו אין ספר אליה רבה [או"ח תרב. ז]

אזוי באוואוסט איז די סגולה געווען ביי כלל ישראל אז רבי יהונתן אייבישיץ שרייבט וועגן איר די פאלגענדע ווערטער "וקידוש לבנה בכל חודש יוכיח, שזהירים במצווה יותר מכל מצוות, הואיל ונדפס שיש בטחון שלא ימות באותו חודש".

'אור חדש' ברכת קדוש השם;
'יערות דבש' ח"א דרוש ט;

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א דערהויבענער שעה אין טאג

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די גאולה פון כלל ישראל פון מצרים. כלל ישראל האט זוכה געווען ארויסצוגיין פון גלות בזכות די אמונה און ווי חז"ל זאגן (ילקוט שמעוני בשלח רמ): "לא נגאלו אבותינו ממצרים אלא בזכות אמנה".

עס לאזט זיך זאגן אז עס איז נישט דא קיין פאסיגע צייט ווי די פרשה ארויסצוברענגען אויפ'ן פאפיר די געוואלדיגע מהפכה וואס בני אמונים האט געמאכט ביים כלל ישראל זינט איר גרינדונג.

די דורשי רשומות פלעגן זאגן אז די פרשה פון בא גייט צוזאמען מיט בני אמונים, ווייל ב"א איז ראשי תיבות פון בני אמונים.

מיט העכער צען יאר צוריק, ווען מיר האבן נאך געהאלטן ביים אנהייב פון די פעולות פאר בני אמונים און מיר זענען געווען דאן ביי מורי ורבי דער בעל שבט הלוי זי"ע און אים דערציילט איבער וואס מיר טוען, האט ער אונז געמוטיגט אנווייזנדיג אויף א ספר חסידים [אות רסא] אז א מצוה וואס איז נאכגעלאזן און עס איז נישט דא ווער עס זאל עוסק זיין אין איר איז אין די בחינה פון א 'מת מצוה' און אז עס ליגט אויף יעדן די פליכט זיך מחזק צו זיין אין דעם און מחזק זיין אנדערע.

אויך ווען מען האט גערעדט איבער דער געדאנק פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא האט ער אויך געזאגט אויף דעם די זעלבע זאך, אז עס איז א מת מצוה, ווייל אין די אלטע היים איז עס געווען א נארמאלע זאך און דא איז עס פארגעסן געווארן פון אונז און וועגן דעם איז א גרויסע מצוה צו טון וועגן איר.

מיט חסדי ה' איז פון יענעם טאג און ווייטער אסאך געטון געווארן אין די וואכן. דער פארגעסענער מנהג איז געווארן לראש פינה. עס איז היינט א מציאות אז אין יעדע שול וואו מען גייט איז דא אידן וואס זענען מקפיד צו מאכן ברכת השחר ווען איינער הערט אויס די ברכות און ענטפערט אויף זיי אמן.

אסאך אידן וועלן אוועקגעבן פאר דעם צוועק שעה'ן לאנג טאג טעגליך, נאר אריינצוכאפן נאך אן אמן און נאך אן אמן.

אויך איך, צייל זיך פון די אידן וואס זענען טאג טעגליך זוכה צו שטיין אין בריזדעוויצער שול אין בארא פארק און איך וועל אויסהערן פון אידן אמנ'ס און אריינכאפן נאך אן אמן און נאך אן אמן. עס איז זייע שווער ארויסצוברענגען מיט ווערטער די גוטע געפיל וואס דאס געט מיר. איך קען עס נאר זאגן מיט איין ווארט, אז דאס געט מיר צו א געפיל פון התרוממות, ביי מיר איז עס א שטארקע רוחניות'דיגער אושר און ברוך השם אז איך בין זוכה דערצו יעדן טאג.

איך האב אינזינען געהאט אז די געפיל איז ווי די ווערטער וואס דערמאנט אין די וואכענדיגע סדרה (י כו): "ואנחנו לא נדע מה נעבד את ה' עד באנו שמה", אז נאר ווער עס האט זוכה געווען אז עס איז מקויים געווארן ביי אים דער 'באנו שמה' איז זוכה צו שפירן דעם געשמאקן טעם אין ענטפערן אמן.

אין די פרשה קען מען אויך טרעפן א רמז צו די אמן, די סופי תיבות פון דער פסוק (יב ב): "ראשון הוא לכם" איז אמן און חז"ל האבן שוין געזאגט (דב"ר ו א) כי "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים".

ווער עס איז זוכה און ער גלייבט אין די שטארקקייט און די קראפט וואס דער אמן געט צו פאר יעדן איד, יעדן צופרי, האט נישט קיין שום שוועריגקייט צו שטיין טאג טעגליך און ענטפערן אמן און מזכה זיין אנדערע אידן

דאס איז אויסער וואס דורך די אמן'ס איז מען זוכה אז עס ווערט באשאפן א מלאך וואס וועט אונז באגלייטן אגאנצן טאג און אונז באשוצן פון אלע שלעכטס.

צי איז דען דא א איד וואס וויל נישט אזא שמירה? וואס וויל נישט אנפולן זיינע אוצרות מיט נאך אן אמן און נאך אמן?

**מיט א קריאה פון 'ראשון הוא לכם'.**
**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

לעלוי נשמת אמי מורתי מרת דבורה בת הרה"ח ר' דב מרמורשטיין ע"ה

# — די פארגעסענע טלית<br>וואס האט געבויט דורות —

די פארגעסענע טלית וואס האט געבויט דורות

ווען ר' משה האט אריינשפאצירט אין די צימער פון זיין זון שמעון האט ער שווערליך געקענט גלייבן וואס זיינע אויגן זעען. די מסודר'דיגע צימער וועלכע איז אייביג געווען מסודר איז געווען אויפגעווארפן.

די התנהגות פון דעם טאטן איז אים אריין אין די ביינער. דער טאטע האט ערררייכט זיין ציל, מיט'ן ווייזן אז ער איז זיך מטריח האט דער יונגער שמעון דערהערט דעם מעסעדזש און עס געדענקט אויף אייביג.


די שנעלע באן אין דייטשלאנד

העמעדער מיט זאקענס זענען געלעגן אויף די ערד, זיין קושן און דאכענע איז געווען פארווארפן, אזא ווירטשאפט האט נישט געפאסט פאר זיין זון.

אבער ר' משה האט זיך נישט געקימערט אויף דעם אבער ווען זיינע אויגן האבן ארומגעוואנדערט צווישן די זאכן  און ער האט באמערקט דער טלית'ל וואס איז געלעגן אין א זייט האט ער געשפירט ווי ער טראגט עס נישט אריבער.

"ווי אזוי האט ער עס געקענט פארגעסן"?. האט זיך ר' משה געוואונדערט.

אלעס האט זיך אנגעהויבן עטליכע שעה פריער. ר' משה, דער פארשטייער פון א פארצווייגטער ביזנעס, האט באקומען א פלוצלונדיגער טעלעפאן רוף אז ער דארף דרינגעד אראפקומען צו א ווייטע שטאט צו שליסן א ביזנעס.

ר' משה, אן עלטערער איד, וויסנדיג מיט וואס אזא רייזע איז פארבינדן, האט ער זיך געוואנדן צו זיין זון שמעון און געבעטן אז ער זאל עס אונטערנעמען אנשטאט אים.

שמעון, וויסנדיג די עלטער פון זיין טאטע און זייענדיג אן אקטיווער חלק אין די ביזנעס פון זיין טאטע, האט עס אנגענומען, אבער וויסנדיג אז ער האט נישט קיין סאך צייט און אז ער וועט דארט דארפן ווײלן אפאר טעג, האט געגעבן א פאק איין די וויכטיגע זאכן און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

ער האט נישט פארגעסן אריינצולייגן זיין תפילין אבער די טלית האט ער יא פארגעסן.

אין יענער צייט איז שמעון נאך געווען א בחור. אין אסאך קרייזן לייגט מען נישט קיין תפילין, אבער אין די קרייזן וואו ער געהערט, אין די יעקישע קהילה, איז יא איינגעפירט אז מען לייגט א טלית שוין אלס בחור און וועגן דעם האט זיך ר' משה גע'חידוש'ט אז ער האט עס פארגעסן.

פאר א שטיק צייט האט זיך ר' משה גע'ישוב'ט וואס ער זאל טון, פון איין זייט האט ער געוואוסט אז זיין זון וועט קענען איבערלעבן די געציילטע טעג אן א טלית, אבער זייענדיג פון די אלטע היים געבינדן צו זיין מסורה און וויסנדיג ווי טייער עס איז אז זיין זון זאל בלייבן אנגעבינדן אין די מסורה, האט ער באשלאסן אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, ער וועט אונטערנעמען די נסיעה און ברענגען די טלית צו זיין זון.

ער האט געוואוסט אז עס איז א לענגערע נסיעה, אז ער וועט עטליכע מאל מוז'ן טוישן באנען ביז ווען ער וועט דערגרייכן די ענדגילטיגע סטאנציע, אבער ער האט באשלאסן ביי זיך אז אלעס איז ווערד, ער מוז עס מאכן.

נאך א לענגערע און אן ערשעפטע רייזע איז ר' משה אנגעקומען צו דעם ארט און זיך געגרייט אריינצוגיין אין די מיטונג צימער, וואו זיין זון שמעון איז געזעסן און דיסקוטירט מיט זיינע ביזנעס מיטהעלעפער אלע דעטאלן פון די געשעפט.

מיט א קליין זעקל אין די הענט האט ער אריינשפאצירט אהין.

ווען שמעון האט געזען זיין טאטע אריינשפאצירן צו די וויכטיגע ביזנעס מיטונגען איז ער געווען שאקירט. ער איז געווען זיכער אז עפעס האט פאסירט אין שטוב, אז זיין טאטע איז אהערגעקומען אים צו דערציילן אז עפעס האט פאסירט אין שטוב, אדער אז ער ציט צוריק פון די געשעפט, אבער זיין טאטע האט אים בארואיגט.

"דא האסטו עס".

ווען שמעון האט געזען די טלית אין די הענט פון זיין טאטע איז ער געווען זייער פארוואונדעט.

"עס איז בסך הכל א מנהג. מיר פירן זיך אזוי, איך בין נאך א בחור, אין אסאך אנדערע קהילות איז מען אפילו נישט מקפיד אויף די מנהג, טאטע, צי וועגן דעם האסטו זיך געדארפט מטריח זיין צוקומען ביז דא? א וועג פון לאנגע שעה'ן, מיט באנען".

דער זון האט נישט געקענט גלייבן אז נאר וועגן דעם האט זיך זיין טאטע אזוי מטריח געווען און איז געקומען צוגיין ביז דא.

אבער דער טאטע איז געווען שטארק ביי זיך, ער האט אים קלארגעשטעלט אז יא!

"טאקע וועגן דעם האב איך זיך מטריח געווען ביז אהער. עס איז מיר געווען וויכטיג די מיה און די פלאג, ווייל איך וויל אז עס זאל דיר אריינגיין אין די ביינער ווי וויכטיג עס איז ביי אונז א מנהג, אז דו זאלסט זיך אלעמאל האלטן צו איר און עס נישט אויפגעבן".

די התנהגות פון דעם טאטן איז אים אריין אין די ביינער. דער טאטע האט ערררייכט זיין ציל, מיט'ן ווייזן אז ער איז זיך מטריח האט דער יונגער שמעון דערהערט דעם מעסעדזש און עס געדענקט אויף אייביג.

זיינע קינדער האט ער ערצויגן מיט ערליכקייט און זיי ווייטער געמוטיגט אנצוהאלטן די מסורה און נאר אזוי האט ער זוכה געווען אויף צו שטעלן אן אידישער שטוב, מיט אלע פרטים און דקדוקים, ווייל מסורה האט געהאט ביי אים א שטארקע חשיבות.

'טיב הקהילה' ויצא תש"פ

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## — מפסיק זיין ביי דברים שבקדושה צו ענטפערן 'אמן' —

### הפסקה ביי דער פסוק "ה' מלך"

**ווען מען זאגט "ה' מלך, ה' מלך, ה' ימלוך לעולם ועד" זאל מען בכלל נישט מפסיק זיין צו ענטפערן אמן [1].**

**עס איז דא וואס האלטן אז דער איסור מפסיק צו זיין איז נאר דא צווישן דער 'ה' צו 'מלך' אדער צו 'ימלוך' אבער צווישן "ה' מלך" און "ה' מלך" און צווישן "ה' מלך" צו "ה' ימלוך" - מעג מען יא מפסיק זיין [2].**

1. די הלכה ווערט געברענגט אין 'משנה ברורה (נא יב) בשם דער אליה רבה' (שם ד) און עס האט דער זעלבער דין ווי מפסיק זיין צווישן ""ה' אלקיכם" צו "אמת" (ראה שלחן ערוך או"ח סו ה).

דער 'קצות השלחן' שרייבט אז לויט די נוסח ספרד וואס פירן זיך אז מען זאגט דער פסוק פאר "ברוך שאמר" אזוי ווי די חסידים פירן זיך היינטיגע צייטן, קען מען יא מפסיק זיין צו זאגן אמן ביי די ה' מלך, פאר ברוך שאמר, אבער נאך ברוך שאמר, ווען מען זאגט עס ביי יהי כבוד זאל מען נישט מפסיק זיין.

דער פסוק פון ה' מלך איז נישט א פסוק אין תנ"ך, עס איז א צוזאמענשטעל פון דריי באזונדערע פסוקים (תהלים י טז; שם צו י; שמות טו יח). דער מקור צו דעם שטאמט פון ספר פרקי היכלות (ס"ז) און פון ובזהר הק' (רעיא מהימנא פנחס רכג א).

2. דער 'כף החיים' (שם טו) און ער געט צו פארשטיין פארוואס עס איז אסור מפסיק צו זיין, ווייל אויב דו ביזט מפסיק ווערט פארלוירן דער באדייט פון דער פסוק און עס זעט חלילה אויס ווי דו ביסט מוציא שם שמים לבטלה. אויפ'ן ארט לייגט דער 'כף החיים' צו (שם) אז די הלכה איז אויך שייך ביי יעדע פלאץ וואו מען דערמאנט שם שמים, אז איבעראל זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן די הזכרת ה' צו דיווארט פאר דעם אדער נאך דעם, ווייל אז מען טוט עס יא, ווערט די כוונה פון די פסוק משובש און עס זעט חלילה אויס ווי ער מוציא שסם שמים לבטלה.

דער 'בן איש חי' שרייבט (פרשת ויגש אות יא) אז מען זאל נישט אויסרעדן צווישן דער לעצטער פסוק פון 'יהי כבוד" צו "אשרי" און ער זאגט אז אויב עס מאכט זיך אז א מענטש מאכט א ברכה נעבן דיר און דו דארפסט ענטפערן אמן זאלסטו זיך בעסער אפשטעלן פאר דער לעצטער פסוק און נאך דעם זאלסטו זאגן דער לעצטער פסוק און עס מסמיך זיין צו אשרי'. אין פאל אז דו האסט שוין געזאגט די לעצטע פסוקים זאלסטו ענטפערן אמן אבער גלייך נאך דעם זאלסטו איבערזאגן די לעצטע פסוקים און זיי מסמיך זיין.

# תענה אמונים

## פערל ווערטער אויף די מצוה פון תפילה

### רופן אין דעם שם ה'

**"הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו"**

מיר זאגן ביים דאווענען דער 'הודו לה' אבער ווען מען איז זיך מתבונן אין די פסוקים דארף מען פארשטיין וואס באדייט די ווערטער 'קראו בשמו' וואו קומט עס אריין דא?

דער 'אבן עזרא' אויף (תהילים קה א) זאגט אז דער 'קראו בשמו' איז א הוראה פאר אידן אז זיי זאלן אויסרופן דעם שם ה' פאר אלע באי עולם, אז זיי זאלן זיי אויסלערנען דעם אמת'ן וועג, אז זיי זאלן זיך פירן ריכטיג און ווי חז"ל זאגן שוין אין די גמרא מסכתות סוטה [י. א] און דרשנ'ען דער פסוק ויקרא שם בשם ה' - "אל תקרא ויקרא אלא ויקריא", שלאחר שאכלו אורחיו של אברהם על שולחנו ביקשו לברכו ולהודות לו, "אמר להם: וכי משלי אכלתם? משל אלוקי עולם אכלתם! הודו ושבחו וברכו למי שאמר והיה העולם".

דער 'שיח יצחק' פון רבי יצחק מאלצאן [ווערט געברענגט אין סידור אשי ישראל] איז מבאר דער פסוק לויט דער פירוש הגר"א אין דברי הימים [א.טז.ח] אויף דער פסוק: "הודו לה'" - לויבט הקב"ה אויף אלע גוטס וואס ער האט געטון מיט ענק "קראו בשמו" רופט אויף אלעס וואס איר האט דער נאמען פון ה', אז איר זאלט אנערקענען אז אלעס וואס איר האט קומט נישט פון אייך, פון אייער כוחי ועוצם ידי, נאר אז עס קומט פון הקב"ה, אז אלעס האט ער געמאכט און ווי מען זאגט ביי אברהם אבינו (בראשית יג ד): "ויקרא שם בשם ה'", אז אברהם אבינו האט מכיר געווען אז אלעס קומט פון הקב"ה און אלעס האט ער אנגערופן אויפ'ן שם ה' און ווי חז"ל זאגן דארט האט אברהם אבינו געזאגט פאר די וואס האבן געגעסן אויף זיין טיש, צי דען האט איר געגעסן פון אייך, איר האט געגעסן פון דער גאט פון די וועלט.

דער שיח יצחק פירט אויס אז מיט דעם פסוק איז מען מקיים דער פסוק (דברים ח יח): "וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנתן לך כח לעשות חיל".

דער אלשיך הק' אויף תהלים [קה. א] זאגט אז די סיבה פארוואס מען האט מתקן געווען אז מען זאל אנהייבן די דאווענען מיט'ן זאגן

## הודו

'הודו לה' איז אז מען זאל געדענקען ווען מען הייבט אן דאווענען אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה אויף דער עצם זאך אז מיר קענען דאנקען השי"ת.

מיט דער געדאנק טייטש ער דער פסוק 'הודו לה' לויבט'ס הקב"ה אז איר האט די זכיה אז איר קענט מקיים זיין דער 'קראו בשמו'.

דער בעל אביר יעקב רבי יעקב אבוחצייראּ זצ"ל זאגט א שיינער רמז אז אין די פסוק פון 'הודו לה' דערמאנט אונז דוד המלך אז מען זאל דאנקען השי"ת און אים לויבן מיט די מאה ברכות, ווייל אז מען וועט אויסרעכענען וויפיל עס באטרעפט די ווערטער "הודו לה' קראו בשמו" וועט מען זעם אז עס איז די זעלבע גימטרייה פון די ווערטער: "מאה ברכות ביום" ('שערי תשובה' אופן כא).

### א איד דארף נישט אנקומען צו מופתים

**"הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו"**

ווען דער צדיק רבי אברהם אַבֶּלְ'י דער רב פון ווילנע איז נפטר געווארן האט אים מספיד געווען דער צדיק רבי יצחק וואלאזשינער זצ"ל.

ביי דער הספד האט ער געזאגט אז מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען "הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ" ווייל פאר כלל ישראל וואס ווייסט און אנערקענט די גרויסקייט פון הקב"ה איז גענוג אז מען זאל אויסשרייען פאר זיי דעם שם ה' און זיי ווערן פון זיך אליין נתעורר, אבער ביי די אומות העולם איז עס נישט גענוג, ביי זיי דארף אויך זיין דער "הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו", אז מען דארף רעדן מיט זיי וועגן די עלילות פון הקב"ה און די וואונדער וואס הקב"ה טוט, ווייל נאר אזוי ווערן זיי איבערגענומען און קומען אן צו די אנערקענונג אין הקב"ה.

האט דער צדיק אויסגעפירט אז די זעלבע איז דא, עס איז דא נפטרים וואס צו דערוועקן דעם ציבור, דארף מען רעדן און רעדן אז דער ציבור זאל פארשטיין וואס ער איז געווען אבער דא דארף מען נאר זאגן די ווערטער 'רבי אברהם אבלי איז נישט דא', ווייל יעדער פארשטייט שוין אליין וואס דא האט פאסירט. ('פה קדוש' תהלים קה).

## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

צווישן די אידן וואס זענען עוסק אסאך אויף צו טון פאר די נושא פון נישט רעדן ביים דאווענען און פאר אמן'ס און אז מען זאל מאכן ערליכע ברכות, ציילט זיך דער בארימטער דרשן ומשפיע רבי מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א.

אין א טאג איז דער חשובער משפיע אנגעקומען צו די ווייטע ארגעטינא און אפגעהאלטן אפאר אויפטריטן ארומרענדיג און אנווארעמנדיג דעם עולם איבער די נושא.

ביי איינער פון די דרשות איז ער נאך די דרשה געווארן אפגעווארט פון א איד, דער איד האט אים געוואלט מיטטיילן מיט זיין פערזענליכע שטוינענדע געשיכטע וואס ער האט מיטגעלעבט בזכות פון אן 'אמן'.

"מיט צוויי יאר צוריק איז דער חשובער בעל דרשן דא געווען און איבערגעגעבן דא א ווארעמע דרשה בנוגע די נושא פון ענטפערן אמן. די יעניגע דרשה האט מיר זייער באריט און אהיימקומענדיג אין שטוב, האב איך געלאזט וויסן פאר מיינע קינדער אין שטוב, אז פון היינט און ווייטער גייט מען דא זיין נזהר אין די נושא פון ענטפערן אמן'ס".

דער איד איז ממשיך צו דערציילן מיט באגייסטערונג ווי שטארק די נושא האט משפיע געווען אויף אים און אויף זיין שטוב, אז פון דעמאלטס אן איז די נושא פון ברכות געווארן א שטארקע נושא אין שטוב און מען האלט אין איין מאכן ברכות, מען ענטפערט אמנ'ס, מען מאכט הויך ברכות, אז די שינוי דערקענט זיך זייער שטארק.

"פאר פרנסה טוה איך אין די ספעציעלע 'חן שטיינער'. מען קען פון איר פארדינען אסאך געלט און ווייל מיר וואוינען אין א געגענט וואו עס איז דא אסאך פאברעכן און רויבעריי, האבן מיר זיך געבויט א גרויסע און א באפעסטיגטע שטוב, באגלייט מיט ווידעאו קעמעראס און עס שטייט אין כסדר'דיגע פארבינדונגען מיט די ארטיגע רעטונגס קרעפטן".

מיר אידן ווייסן אז די אלע זאכן זענען בגדר השתדלות, אז דער באשעפער היט נישט אפ, איז גארנישט ווערד און איין טאג האבן

## די 'ברכה' וואס האט פאלאזירט די רויבער

ראפנירטע רויבער מצליח געווען איבערצוקלוגן אלע זיכערהייט סיסטעמען און האבן זיך אריינגעבראכן ביי אונז אין שטוב און מיר האבן זיי געטראפן שטיין ביי אונז אין דיינונג רום.

איבריג צו זאגן אז מיר זענען געווען פארגעליווערט פון שרעק. מיר האבן דעמאלטס געהאלטן אינמיטן עסן נאכטמאל מיט די משפחה און דא זענען זיי.

מיין פרוי האט געהאלטן אין איר הענט אן אנגעגאסענע גלאז וואסער און זיך געהאט געגרייט צו מאכן א שהכל ווען זי האט זיי געזען. זעענדיג אז עס איז צרות, האט זי זיך אנגעגארטעלט מיט דרייסט און געמאכט א הויכע ברכה 'שהכל נהיה בדברו' און מיר אלע האבן געענטפערט אמן.

איבריג צו זאגן אז די ברכה איז געמאכט געווארן מיט א געשריי, מיט די פולסטע מאס כוונה און אויך דער 'אמן' האט אויך אפגעהילכט זייער ווייט.

און אין יענע מינוט האט פאסירט א מאדנע זאך, די רויבער האבן געהויבן הענט און פוס און זענען אנטלאפן פון דעם ארט.

דער איד האט זיך אויסגעדריידט צו הרב גרינוואלד און אים געזאגט אז ער האט נישט קיין ערקלערונג צו די געשיכטע, ער האט געבעטן אז הרב גרינוואלד זאל עס ערקלערן.

"אין יענע מינוט האט מיר דער רבוש"ע אריינגעשיקט א הארה פון אויבן". שילדערט הרב גרינוואלד, ער האט זיך דערמאנט די ווערטער פון דעם הייליגן אור החיים הק' אין פרשת בחוקתי (במדבר כו ח): "וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ" - אז עס גייט ארויף אויף די מאה ברכות, אז דורך די מאה ברכות וועט מען קענען מכניע זיין אלע מזיקים און ווי דער רוקח זאגט [סימן שכ] אז די מאה ברכות האט מען מתקן געווען אז זיי זאלן מציל זיין די אידן פון די מאה קללות האמורות תורה.

"זען מיר דאך די כח פון די ברכה און על אחת כמה וכמה איז דער כח פון אמן, ווייל מיר ווייסן דאך אז גדול העונה יותר מן המברך.

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער מהרש"ם פון ברעזאן זי"ע

### ט"ז בשבט תרע"א



מהרש"ם פון ברעזאן

דער צדיק רבי שלום מרדכי איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי משה הכהן שוואדראן אין יאר תקצ"ה. פון די פריע יוגענד יארן האט ער איבעראל גע'שמ'ט מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות, זיין התמדה, איבעראל איז ער געווען בארימט מיט זיין עילוי'שקייט.

אין די יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי דער זלאטשובער רב הגאון רבי יואל אשכנזי ז"ל.

נאך די חתונה האט ער ממשיך געווען צו זיצן על התורה ועל העבודה. נישט וועלנדיג נהנה זיין מכתרה של תורה האט ער אנגעהויבן עוסק צו זיין אין מסחר, אבער זיין מזל האט אים געשפילט, ער האט דערלייגט זיין גאנצער געלט. נישט האבנדיג קיין פרנסה האט ער נישט געהאט קיין ברירה און אנגענומען א רבנות שטעלע.

אין יאר תרכ"ז האט ער אנגענומען זיין ערשטע רבנות שטעלע. נאך עטליכע יארן פון דינען אלץ רב אין קלענערע שטעט איז ער אין יאר תר"מ דערוועלט געווארן צודינען אלץ רב אין די שטאט ברעזשאן, וואו ער איז פארבלינדן דינען אלץ רב פון די שטאט עד סוף ימיו.

אין ברעזשאן האט ער אויך אויף געשטעלט א ישיבה און האט מעמיד געווען הונדערטע תלמידים.

זיין שם טוב אלץ איינער פון די גדולי הפוסקים איז געגאנגען זייער ווייט. פון אלע עקן וועלט האט מען געשיקט צו אים שאלות בהלכה, די שווערסטע שאלות וואס זענען געווען בימים ההם איז אנגעקומען צו אים.

אויסער זיין בקיאות און גאונות בתורה איז ער אויך געווען באקאנט מיט זיין אויסטערלישע התמדה, ער האט געלערנט און גע'חזר'ט אן אויפהער. נאך זיין פטירה האט מען געטראפן אריינגעשריבן אין זיין טור די פאלגענדע ווערטער אז היינט האט ער זוכה געווען צו מאכן זיין 101'דיגער סיום אויף ארבעה טורים מיט אלע מפרשים.

ער איז נפטר געווארן פון די וועלט אין ט"ז שבט תרע"א און ער ליגט אין די בית הקברות פון ברעזאן.

ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א רייכע תורה'דיגע ירושה, עס איז דא פון דא פון אים ניין בענדער פון שו"ת באקאנט מיט'ן נאמען 'שו"ת מהרש"ם'ף אין איר איז דא צוויי טויזנט און דריי הונדערט תשובות. אזוי אויך איז דא דער 'דעת תורה' מיט הגהות און ביאורים אויף שלחן ערוך אורח חיים און יורה דעה און אויך דער 'תכלת מרדכי' על התורה.

## די וועג צו די מטרה איז קודם צו די מטרה

**און דאס זענען די הייליגע ווערטער פון דער מהרש"ם פון ברעזאן:**

טראץ וואס מען קען נישט ענטפערן 'אמן' נאר אז מען מאכט א ברכה פאר איר, פונדעסטוועגן זאגן אונז חז"ל [ברכות נג. ב] אז "גדול העונה אמן יותר מן המבורך".

ווי אזוי קען דאס זיין? נאר דער ענטפערן אמן איז די מטרה און די ברכה איז דער וועג אנצוקומען צו די מטרה. דאס איז דער סדר העולם אז דער אנקומען צו די מטרה קומט פריער פון די מטרה אליין, אזוי ווי דער וואס בויט א הויז, איז די מטרה אז ער זאל וואוינען אין די הויז, אבער פארדעם דארף מען אריבערגיין א וועג און די וועג איז דאס בויען די הויז.

דער געדאנק זעט מען אויך ביי בריאת העולם. חז"ל זאגן [חגיגה יב. א] אז ווען הקב"ה האט באשאפן די וועלט האט ער ערשט באשאפן די ערד און נאך דעם האט ער באשאפן די הימל, ווייל דער הימל איז די תכלית און די ערד איז די 'וועג' אנצוקומען אהין, ווי מען זאגט אין פרקי אבות [ד. טו] אז די וועלט איז א פרוזדור פאר יענע וועלט און אזוי עס איז ערשט באשאפן געווארן די ערד פאר די הימל, די זעלבע איז די ברכה פאר די אמן אבער דער תכלית איז אנצוקומען צו די אמן.

תכלת מרדכי בראשית

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com